STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11527

DI SOVETISHE YIDISHE ORTOGRAFYE

Instytut ievreiskoi proletarskoi kultury

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אינסטיטוט פאר ייִדישער פּראָלעטארישער קולטור
בּאַ דער אוקראַיִנישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע
פילאָלאָגישע סעקציע

די סאָוועטישע ייִדישע אָרטאָגראפיע

(קלאָלים פונעם נײַעם ייִדישן אויסלייג)

מעלוכע־פארלאג פאר די נאַצי־
אָנאַלע מינדערהײַטן פון אוס״רר

כאַרקאָוו 1932 קיִעוו

Printed in USSR
(Russia)

די ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונג
פונעם בוך און די שיפערן פאַר
ביבליאָטעק-קאַטאַלאָגן זײַנען אָפּ-
געדרוקט אין „צײַטשריפט פון דרוק"
און אין דעם „קאַרטן-רעפּערטואַר"
פון דער אוקראַיִנישער ביכער-
פּאַלאַטע.

פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטער — ט. לעכט
טעכ. רעדאַקטער — כ. ליומקיס
קאָרעקטער — כ. לייבאָוויטש

אלוקר. פּאָליגראַפ. פאַרייניקונג.
אינטערנאַצ. דרוקערײַ, קיִעוו,
רויטער פּלאַץ 2-a. באַשט. 823.—
טיראַזש 3000 $11/8$ דרוק-בויגן.
הויפּטליט (604) 2126

פאָרוואָרט

די סאָוועטישע יידישע אָרטאָגראַפיע איז א דירעקטער רעזולטאט פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. אזעלכע דערגרייכונגען, ווי דאָס פאריידישן דעם אויסלייג פון די העברייישע ווערטער, ווי דאָס באזייטיקן די שלאָס־אויסיעס, — זיינען מעגלעך געוואָרן ערשט נאָך דער רעוואָליוציע. אונדזער איצטיקע אָרטאָגראַפיע קען פיל בעסער ווי די פריערדיקע דינען פאר א מיטל צו דערהייבן די גרויסע מאסן צו שריפטקענעוודיקייט און צו באוווסטזיניקער באטייליקונג אין דער סאָציאליסטישער בויונג.

אונדזער אָרטאָגראַפיע שיידט זיך שטארק אונטער פון דער אויסלענדישער. ס'איז קיין וואונדער ניט: אָרטאָגראַפיע איז דאָך ניט בלויז טעכניק — זי האָט אונטער זיך א געוויסע אידעאָלאָגיע. די יידישע קולטורבויונג גייט מיט פארשיידענע וועגן אין סאָוועטנפארבאנד און אין אויסלאנד: דאָ איז זי א סאָציאליסטישע לויטן אינהאלט און א נאציאָנאלע לויט דער פאָרמע; דאָרטן — א יידישיסטיש־קליינבירגערלעכע, וואָס גייט מיט גיכע טריט צו פאשיזם. די שריפט דינט — בא אונדז — פאר די אינטערעסן פונעם פראָלעטאריאט; דאָרטן — פאר דער אונטערדריקונג פונעם פראָלעטאריאט. איז טאקע די אָפיציעלע שריפט דאָ און דאָרטן פארשיידן. דאָרטן זיינען די העברייישע ווערטער הייליק — סיי זיי אליין, סיי זייער אלטער אויסלייג, וואָס פארשווערעקט די שריפט פאר דער ברייטער מאסע [1]), דאָרטן טאָר מען די שלאָס־אויסיעס ניט אָנרירן [2]), שוין אָפגערעדט, וואָס אין אויסלאנד האלטן זיך נאָך פעסט

1) אָט וואָס מ. ווײַנרײַך, די זײַל פון פאשיזירטן יידישיזם, זאָגט וועגן דעם נאטוראליזירטן אויסלייג פון די העברייזמען (ד. ה. וועגן אויסלייגן זיי אלציינס ווי ניט-העברייישע ווערטער): „פאר א היפשן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ מיינט דער נאטוראליסטישער אויסלייג, אז מע גייט אויסראָטן די טראדיציע, אז מע רײַסט אָפּ די יידישע שפראך פון איר יידישן (!) מאָקער. אזא סענטימענט טאָר קיין שום אָרטאָגראַפישע רעפאָרם ניט איגנאָרירן" („דער איינהײַטלעכער יידישער אויסלייג", ווילנע 1930).

2) כאָטש „לאָניש לאָזט זיך קעגן דעם גאָרניט זאָגן" (דער זעלביקער ווײַנרײַך).

גאָר אַלטע אָרטאָגראַפיעס — פונ פאַר 20־יאָר און פריִער. א שטרעבונג צו באַהעפטנ זיכ צו אונדזער אָרטאָגראַפיע איז דאָרטנ בײַ די פּראָלע־טאַרישע שיכטנ פאַראַנ, אָבער דערווײַל קאָנענ זיי זי ניט פאַרווירקלעכנ.

אינ גרונט פונ דער איצטיקער סאָוועטישער ייִדישער אָרטאָגראַפיע ליגנ די באַשלוסנ פונ דער אָרטאָגראַפישער קאָנפערענצ בײַם 2־טנ אַלפאַרבאַנדישנ ייִדישנ קולטור־צוזאַמענפאָר (אַפּרעל 1928). די קאָנפע־רענצ האָט באַהאַנדלט די וויכטיקסטע פונקטנ פונ דער אָרטאָגראַפיע (לויט כּכ׳ ווענגערס און זאַרעצקיס פּראָיעקטנ) און אָנגענומענ א צאָל באַשלוסנ. וועגנ אייניקע פונקטנ איז די קאָנפערענצ צו קיינ איינהײַטלעכער מיינונג ניט געקומענ. נאָכ מער זײַנענ געווענ אַזעלכע דעטאַלנ, וואָס די קאָנפערענצ האָט קלאַל ניט געקאָנט באַהאַנדלענ. צו לייזנ אָט די אויסגעבליבענע פראַגעס האָט די קאָנפערענצ באַפולמעכטיקט די צענ־טראַלע אָרטאָגראַפישע קאָמיסיע.

די צענטראַלע אָרטאָגראַפישע קאָמיסיע איז אויסגעטיילט געוואָרנ אַפנ קולטור־צוזאַמענפאָר און איז באַשטאַנענ פונ די כּכ׳ ליטוואַקאָוו (פאָרזיצער), ווענגער און פאַרבער פונ ווסרר, לעוויטאַנ און שטיפ פונ אוסרר, וועוויאָרקע און זאַרעצקי פונ רספרר. כ׳ זאַרעצקי איז באַשטימט געוואָרנ פאַרנ סעקרעטאַר.

די קאָמיסיע האָט געאַרבעט שוואַכ. זי האָט ניט באַהאַנדלט אַלע פונקטנ אינעם פּראָיעקט, וואָס ס׳האָט אופגעשטעלט איר סעקרעטאַר. דעריבער האָט כ׳ זאַרעצקי איבערגעגעבנ צום דרוק א בראָשור „ייִדישע אָרטאָגראַפיע“[1], וואָס האָט אנטהאַלטנ אינ זיכ סײַ באַשלוסנ, סײַ פאָרשלאַגנ, סײַ פראַגעס.

אַפ דער ערשטער אַלפאַרבאַנדישער שפּראַכ־קאָנפערענצ, צונויפגע־רופנ פונעם אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור (קיִעוו, פעוורואַל 1931), איז די צ. אָ. ק. ליקווידירט געוואָרנ און וועגנ דער אָרטאָגראַפיע איז אָנגענומענ געוואָרנ א באַשלוס:

די ווײַטערדיקע אָרטאָגראַפישע אַרבעט איבערגעבנ דעם אינסטיטוט.

די כּכ׳ האָלמשטאָק, זאַרעצקי, לעוויטאַנ, ספּיוואַק, פאַלקאָוויטש, קאַמענשטיינ און שטיפ באַהאַנדלענ די סיסטעם ייִדישע אָרטאָגראַפיע

1) אַרויס אינ מאָסקווע, זומער 1931.

און דעם אָרטאָגראַפישן ווערטערבוך, וואָס ס'האָט אופגעשטעלט דער סעקרעטאר פון צ. אָ. ק. זייער באשלוס איז ענדגילטיק.

אפ אויסצופירן דעם דאָזיקן באשלוס האָט די פילאָלאָגישע סעקציע באם אינסטיטוט צונויפגערופן אן אָרטאָגראַפישע באראטונג (קיִעוו, 21—24־טן נאָיאבער 1931).

די פריִער־דערמאָנטע כאווײרים (כוץ כ' לעוויטאן, וואָס איז געווען קראנק) צוזאמען מיט די קאָאָפּטירטע כּכ' ווינער און שעכטער (פאָר־שטייער פונעם אינסטיטוט) בא דער באטייליקונג פון פאָרשטייער פון דער לערערשאפט, פּרעסע, ארבקאָרן, סטודענטשאפט, ווּספ אאוו. האָבן גרינטלעך דורכגעארבעט די אויבן־דערמאָנטע בראָשור „יִדישע אָרטאָגראַפיע", געלייזט אלע דאָרטן אָנגעוויזענע פראגעס, דעטאליזירט און געענדערט אײניקע פריִערדיקע באשלוסן. די באראטונג האָט אָבער געהאלטן, אז ס'איז ניט אין איר קאָמפּעטענץ ארײַנצוטראָגן ראדיקאלע ענדערונגען אין די באשלוסן פונעם 2־טן אלפארבאנדישן קולטור־צוזא־מענפאָר (די זעלבע באראטונג האָט, אגעוו, באהאנדלט דעם אָרטאָגראַ־פישן ווערטערבוך און ער ווערט איצט אָפּגעגעבן צום דרוק).

אזויארום איז אין דער איצטיקער בראָשור פאראײניקט די ארבעט פון דער אָרטאָגראַפישער קאָנפערענץ באם 2־טן קולטור־צוזאמענפאָר, פון דער צ. אָ. ק. און פון דער אָרטאָגראַפישער באראטונג. די אָרטאָ־גראַפיע, וואָס איז דאָ געבראכט, איז די אָפיציעל סאָוועטישע יִדישע אָרטאָגראַפיע און איז א מוז־זאך פאר אלע יִדישע פארלאגן, שולן, אנשטאלטן [1]).

די בראָשור „סאָוועטישע יִדישע אָרטאָגראַפיע" אנולירט מיט זיך די פריִערדיקע בראָשור „יִדישע אָרטאָגראַפיע". זי שיידט זיך אונטער פון יענער בראָשור אין אזוינע פּראָטים:

1. דאָ איז ניטאָ קיין פאָרשלאגן, ניט קיין פערזענלעכע מײנונגען,

---

1) די באשלוסן פון דער אָרטאָגראַפישער קאָנפערענץ, — צווישן זיי אויך דער באש־לוס וועגן דער צ. אָ. ק. — האָבן באקומען באשטעטיקונג פונעם פאָלקאָמבילד אין אוסרר ווסרר, רספרר. דערמיט זײַנען שוין אויך באשטעטיקט די צוגאָבן און ענדערונגען וואָס ס'האָבן ארײַנגעטראָגן דערנאָך די צ. אָ. ק. און די אָרטאָגראַפישע באראטונג. — די בראָשור גיט ניט קיין ענטפער אפ אלע פראגעס פון אָרטאָגראַפיע: דער אויסלייג פון איינצלנע ווערטער ווערט געגעבן אין אָרטאָגראַפישן ווערטערבוך.

ניט קיינ פראגעס; — דאָ איז דורכויס פעסטע קלאָלימ, אזוי ווי דאָס האָט צולעצט פאָרמולירט די אָרטאָגראפישע בעראטונג.

2. די דאָזיקע בראָשור איז אנ אָפיציעלער האנטבוכ וועגנ אָרטאָ־גראפיע, באשטימט פאר די ברייטסטע שיכטנ, אָבער זי שטעלט זיכ ניט קיינ צוועקנ פונ א לערנבוכ. דעריבער זיינענ דאָ אויסגעשלאָסנ יענע יעדיעס, וואָס זיינענ ניט נייטיק פאר דער פראקטישער פאָרמולי־רונג אונ באנעמונג פונ די קלאָלימ אונ וואָס וואָלטנ נאָר פארשווועריקט צו ניצנ די בראָשור.

3. איבער דעמ זעלביקנ מאָטיוו איז דאָ פונ טערמינאָלאָגיע געבראכט נאָר דער מינימומ, אונ יענע טערמינעס, וואָס זיינענ דאָ דאָכ נייטיק, זיינענ אלע אויסגעטייטשט. ס'איז צוגעגעבנ א טערמינאָלאָגישער אָנווייזער אפ צו געפינענ ווו דער אָדער יענער טערמינ איז אויסגע־טייטשט (דער אויסטייטש איז ניט קיינ פולער; — ער באציט זיכ נאָר צומ באנוצ פונעמ טערמינ אינ דער דאָזיקער בראָשור).

4. די קאפיטלענ זיינענ דאָ איבערגעשטעלט, ארויסגייענדיק דער־פונ, אז די פראקטישקייט אינ באנוצ איז בילכער ווי די טעאָרעטישע סיסטעמאטישקייט.

5. די קלאָלימ אלייג זיינענ פאָרמולירט ווי מעגלעכ גרינגער.

6. ס'איז, אשטייגער, אויסגעשלאָסנ דער אָנווייז אפ דער העברייי־שער אָפשטאמונג פונ געוויסע ווערטער (ווי א קריטערי פאר זייער אויסלייג): די בראָשור דארפ דאָכ באדינענ מערסטנטייל אזעלכע לייענער, וואָס ווייסנ ניט פונ וועלכער שפראכ ס'קומט אינ יידיש דאָס אָדער יענצ וואָרט.

דער קימאט־אקאדעמישער סטיל פונ דער פריערדיקער בראָשור, וואָס האָט ארויסגערופנ אפ דער בעראטונג גערעכטע טענעס, איז דאָ געענדערט, פאריינפאכט.

די איצטיקע בראָשור דארפ מענ באטראכטנ פאר א קאָלעקטיווער ארבעט פונ די כאוויירימ: כ. האָלמשטאָק, א. זארעצקי, ע. ספיוואק, ע. פאלקאָוויטש אונ נ. שטיפ אפנ גרונט פונ כ' זארעצ־קיס פראָיעקט. כ' א. זארעצקינ געהער די אלגעמיינע אויספורעמונג, — דער פילאָלאָגישער סעקציע באמ אינסטיטוט פאר יידישער פראָלעטא־רישער קולטור — די לעצטע רעדאקציע.

אײניקע דערקלערונגען

.1

אָרטאָגראפיע איז א סיסטעם צייכנס באם שרײַבן און דרוקן. אין פארשיידענע צײַטן האָט די שפראך א פארשיידענע אָרטאָגראפיע.

די יידישע שריפט האָט אין דער רעוואָליוציע־צײַט דורכגעמאכט א ריי שארפע ענדערונגען אפ צו פארײנפאכן דאָס שרײַבן, דאָס דרוקן. אונדזער אָרטאָגראפיע־רעפאָרם האָט פארגרינגערט דעם ארבעטער, דעם ארבעטנדיקן צו ווערן שריפטקענעוודיק, צו קומען צום בוך. אין אויסלאנד, ווו דער באלעבאָס איז נאָך דערווײַל די יידישע בורזשואזיע, דערהאלט מען אין גרונט די אלטע שריפט־סיסטעם, קעדיי שווער מאכן די מאסן צו ווערן איוורעדיק, צו הייבן זייער קולטור.

די העברייִשע ווערטער אין יידיש פלעג מען שרײַבן ווי אין אמאָליקן העברייִש (אמת — עמעס). פאקטיש האָט יידיש געהאט צווייערליי שריפט־סיסטעמעס. דאָס איז געווען די גרעסטע שוועריקייט אפ אויס־לערנען זיך שרײַבן און לייענען. מיר האָבן דאָ פארײנהײַטלעכט, גענומען שרײַבן העברייִשע ווערטער ווי די יידישע ווערטער. דאָס איז געווען דאָס וויכטיקסטע אין אונדזער סאָוועטישער רעפאָרמע פון דער אָרטאָגראפיע.

מיר האָבן אין אונדזער שריפט געהאט נאָך אן אנדער רעשטל פונעם אמאָליקן העברייִש, — די שלאָס־אויסיעס (ך, ם, ן, ף, ץ), וואָס מיר פלעגן זיי שרײַבן אומעטום אפן סאָף. אָט די טאָפּעלע ניט־נייטיקע שלאָס־אויסיעס האָבן מיר איצט ארויסגעוואָרפן.

אין אויסלענדישן יידיש בלײַבט אין דעם פראט אלץ ווי געווען.

מיר האָבן אײַנגעפירט נאָך א צאָל קלאָלים פון אָרטאָגראפיע. אָט די אלע קלאָלים קומען ארײַן אין דער איצטיקער בראָשור. נאָך מער פארײַנגערן צו אויסלערנען זיך אונדזער אָרטאָגראפיע וועט דער

אָרטאָגראַפישער ווערטערבוך, וואָס דרוקט זיך איצט און וואָס וועט וויאַזוי אויסצולייגן א גרויסע צאָל א יי נ צ ל נ ע ווערטער.

די נייַסטע סאָוועטישע אָרטאָגראַפיע איז שוין איצט אייַנגעפירט אין אלע אונדזערע נייַע סאָוועטישע אויסגאַבעס, אין אונדזער פרעסע (כוץ איינצלנע אויסנאַמען, — איבער טעכנישע סיבעס).

שרייַבן און דרוקן לויט אן איינהייַטלעכער אָרטאָגראַפיע איז ביז גאָר א וויכטיקע און נייטיקע זאך. אין פארשיידענע ערטער רעדט מען פארשיידן. שרייַבן אָבער דארף מען איינהייַטלעך, — מוז אין דער שריפט זייַן א געוויסע צונויפגערעדקייט. אדאנק דער איינהייַטלעכער אָרטאָגראַפיע קענען מיר אלע אין פארשיידענע ערטער בעסער, ריכטיקער פארשטיין דאָס געשריבענע, דאָס געדרוקטע. איידער מיר האָבן אייַנגעפירט די נייַסטע אָרטאָגראַפיע האָט מען בא אונדז אין א ריי פאלן געשריבן און געדרוקט ווי ווער ס'האָט געוואָלט. דאָס האָט אָפט שווערער געמאכט צו פארשטיין דאָס געשריבענע און געדרוקטע וואָרט, צו פארשטיין, הייסט עס, איינס דאָס אנדערע.

.2

אין אָרטאָגראַפיע זייַנען פאראן אייניקע גרונט־פרינציפן. מיר וועלן זיי דאָ אין קורצן פאָרמולירן.

דער פ אָ נ ע ט י ש ע ר פרינציפ. דער פאָנעטישער פרינציפ שטרעבט נעענטער מאכן די שריפט צו רייד. קיין פולע געפאסטקייט צווישן שריפט און רייד איז ניט מעגלעך. אָבער דערנעענטערן די שריפט צו רייד איז ביקלאל מעגלעך און נייטיק. אָט האָט מען פריער געשריבן „עסען", „פיעל", „אונז", „פענסטער" א. אז. וו. ווי אין דייַטש; מע האָט געשריבן די העברייִשע ווערטער ניט אזוי ווי מע רעדט זיי ארויס אין יידיש, נאָר ווי מע האָט זיי געשריבן אין העברייִש. האָט מען דאָס באדארפט פאָנעטיזירן, דערנעענטערן די שריפט צו רייד. דאָס האָט שטארק פארגרינגערט אלעמען צו אָנייגענען די אָרטאָגראַפיע, צו ווערן איוורעוודיק.

אין יידישן בורזשואזן אויסלאנד האלט מען ניט שטארק פונעם פאָנעטישן פרינציפ. מע האלט דאָ ביקלאל פון אלטער געוויינשאפט און טראדיציע, פון פארבינדונג מיט רעליגיעזער קולטור. די אויסלענדישע בורזשואזע קולטור־טוער דערלאָזן בעשום־אופן ניט צו ענדערן

די אָרטאָגראפיע פונ העברייִשע ווערטער אינ ייִדיש, ניט געקוקט אפנ דראנג פונ די מאסנ צו „נאטוראליזירנ” די העברייִזמענ, צו שרײַבנ זיי ווי ייִדישע, ס'הייסט צו פאָנעטיזירנ זיי (דערנעענטערנ זיי צו רייד). דאָ שיצט די בורזשואזיִע אירע קלאסנדיקע קולטור־אינטערעסנ אונ קולטור־פּריווילעגיעס, — זי פארצאמט דערמיט פאר די מאסנ דעם וועג צו שריפטקענעוודיקייט, צו קולטור.

אינ אָרטאָגראפיע איז פאראנ נאָכ דער מאָרפאָלאָגישער פּרינציפּ. מיר האָבנ, אשטייגער, די גרופּע ווערטער „לעב”, לעבנ”, „לעבעדיק” אא. לויט דער דאָזיקער גרונט־פאָרמע שרײַבט מענ אויכ אזא וואָרט ווי „לעבט” (מיט א „ב”), כאָטש מע רעדט עס אויס אנדערש (לעפּט). די אלציינע אָנשריפט דערנעענטערט דאָ אלע ווערטער פונ דער גאנצער גרופּע.

פאָנעטיזמ מאכט ענלעכ שריפט צו רייד ווי דאָס איז נאָר מעגלעכ; מאָרפאָלאָגיזמ דערנעענטערט די ווערטער מיט איינ גרונט־באטײַט.

די דאָזיקע וויכטיקסטע פּרינציפּנ שעפּנ ניט אויס די גאנצע סיסטעמ אָרטאָגראפיע. די פּראָטימ ברענגענ מיר ווײַטער אינ דער איצטיקער בראָשור, אונ דער אויסלייג פונ אסאכ איינצלנע פאלנ קומט ארײַנ אינעמ אָרטאָגראפישנ ווערטערבוכ, וואָס דארפ אינגיכנ דערשײַנענ.

I. גראפיק [1]

A. אלפאבעט (אלעפבייז) [2]

1. דער סיידער פון יידישן אלפאבעט (אלעפבייז):

א, אָ, ב, ג, ד, ה, ו, וּ, וו, ז, זש, ט, טש, י, יי, ײַ, כ, ל, מ, נ, ס, ע, פּ, פ, צ, ק, ר, ש.

2. די נעמען פון די אויסיעס זיינען:

א(a), אָ(o), בע, גע, דע, הא, או, אוי, ווע, זע, זשע, טע, טשע, יוד [3], איי, אײַ, כא, על, עמ, ענ, עס, ע, פּע, פֿפ, צע, קא, ער, שא.

די פריערדיקע נעמען זיינען געווען:

אלעף, קאָמעץ-אלעף, בייז, גימל, דאלעד, היי, וואָוו, וואָוו-יוד, טאָפּל-וואָוו, זײַען, זײַען-שין, טעס, טעס-שין, יוד, צוויי יודן, צוויי יודן מיט א פּאסעך, כאָף, לאמעד, מעם, נון, סאמעך, אײַען, פּיי, פיי, צאדעק, קוף, רייש, שין.

דער צייכן אונטער אָ הייסט קאָמעץ, אונטער ײַ — פּאסעך, אינעם פּ — פינטל.

3. דער סיידער פון די אויסיעס איז א מוז פאר די ווערטערביכער און אנדערע אלפאבעטיש-צעשטעלטע רעשימעס און ליסטעס. ספּעציעל הייסט עס:

יעדער אָ איז שפּעטער ווי יעדער א, יעדער וי איז שפּעטער ווי יעדער ו, יעדער וו איז שפּעטער ווי יעדער וי, יעדער פּ איז פריער ווי יעדער פ, צ. ב. „אהינ" קומט פריער ווי „אָדער", „אוקראינע" קומט פריער ווי „אווסטראליע".

---

1) גראפיק הייסט די לערע וועגן אלגעמיינער באציונג צווישן די אויסיעס און די קלאנגען.

2) אלפאבעט (אלעפבייז) הייסט די זאמלונג פון אלע אויסיעס, צעשטעלט אין אן אנגענומענעם סיידער.

3) דאָס אָס איז שווער אָנצורופן לויטן קלאנג, ווײַל עס באטײַט סײַ *j* (רוסישער и), סײַ *j* (רוסישער й).

4. אויסער דעם אלפאבעט (אלעפבייז) שטייען די באצייכענונגען: דז (רזע), דזש (דזשע), ו (או מיט א פינטל), יִ (יוד מיט א פינטל).

5. מע דארף שטרענג אונטערשיידן **א** און **אָ**, **יי** און **ײַ**, **פּ** און **פֿ**. פארבײַטן אָ אפּ אָ אָדער פארקערט איז פונקט אזא גרײַז ווי אנדערע גרײַזן.

מע דארף שרײַבן מאָלאָטאָוו, ניט מאלאטאוו אָדער מאָלאָ־טאוו; פערעקאָפּ, ניט פערעקאפּ.

B. אָנמערקונגען וועגן באזונדערע אויסיעס

6. **א** באטײַט ביקלאל a; אָבער **א** אין אָנהייב וואָרט פאר ו, וי, י, יי, ײַ און אויך דער צווייטער **א** אין ווערטער, וואָס הייבן זיך אָן מיט **אאו**, לייענט זיך גאָרניט, צ. ב.:

אײַער אייניקל און איר אויך, אאודיטאָריע, אאול.

דער א, וואָס לייענט זיך ניט, הייסט „שטומער א".

7. אינמיטן וואָרט שרײַבט זיך קיינמאָל ניט קיין שטומער **א**, אשטייגער:

1) אומופהערלעך, אלוקראַיִניש, אורייניקל, אקערײַזן, באומרויִקן, באופטראָגן, ביזיצטיק, גראָבײַזן, לײַבייגנטום.

2) פּאָליטופקלער, פּאָלקאָמויסערן, פּיניגספּעקטער.

3) בויונג, ג יִניש, געפּעו, דערצִיונג, לעיִבעד.

אָבער אין צונויפזאצן נאָך א דעפיס [1]) שרײַבט זיך יאָ א שטומע **א**, אשטייגער:

4) באַק־אויוון, האלב־אינדזל, ערד־אײַנאָרדענונג, ציל־אײַנשטעלונג, קלאסן־אויסגעהאלטענער.

8. ווען ן שטייט פאר ן, פאר י [2]), פאר וו אָדער נאָך וּו, שטעלט מען באם ן א פינטל (וּ). בײַשפּילן:

1) טווּנג.

2) בורזשוּי.

3) אוווּא, אוּ ודע, אוווערטיור, אָנצוווײַזן, צוווארטן, רוּוון, שווּאקס.

4) גווּרע, ווּ, ווּנד, ווּנטש, צווּוּקס.

---

[1]) צונויפזאצ הייסט א וואָרט, וואָס איז אופגעשטעלט פון צוויי (אָדער מער) ווערטער. וועגן דעפיס — זע פּ. 57.

[2]) אָבער ניט פאר יִ, צ. ב. רויִק (אָן א פינטל באם ו).

אָנ דעמ פינטל וואָלט מענ ניט געקענט אונטערשיידנ װ אונ וי (בורזשוי וואָלט מענ געלייענט буржой. וו אונ וו (גווורע — גווורע, אווודע — אווודע).

אינ אלפאבעט־סיידער פארנעמט װ ניט קיינ באזונדער אָרט. ער גייט צוזאמענ מיט ו.

9. וי (oй), יי (эй), ײַ (ай) שרײַבט זיכ, ווענ בײדע קלאנגענ (דער וואָקאל[1]) אונ דער יאָט[2]) געהערנ צו איינ טראפ[3]), צ. ב. בויער (בוי־ער, רייע (ריי־ע). ווענ אָבער דער וואָקאל געהער צו איינ טראפ אונ דער יאָט צו א צווייטנ, שרײַבט מענ אזוי:

באָיארנ (באָ־יא־רנ), ניט בויארנ; ר א י ע ל (רא־יעל), ניט רײַעל.

דאָס קומט פאָר, ווענ נאָכנ אָ, ע, אי איז פאראנ א וואָקאל, אונ דער אקצענט[4]) קומט ניט אפנ אָ, ע, אי, בײַשפּילנ: באָיאָרנ, דאָס־טאָיעווסקי, סאקוואָיאַזש, פּראָיעקט, פּאָיע, ראָיאליסט;

בעיאַד, מעיאַשעוו זײַנ זיכ, מעיוכעס;

אדאיאָמ, מאיאָווקע, מאיאָנטעק, מאיאָ־יטעס, פּאיאַנס, קאיאָר, רא־יאָנ[5]), ראיעל.

10. מע שרײַבט דאיעינו[6]), האיאָר, יעיצערהאָרע, שליאיענ זיכ.

11. אינ אנדערע פאלנ, ווענ נאָכ די קלאנגענ יי, ײַ איז ניטאָ קיינ וואָקאל (כוצ 9—10), שרײַבט מענ ניט אָ, ע, אי, נאָר וי, יי, ײַ. בײַ־

---

1) די קלאנגענ א, אָ, ו, י, ע הייסנ וואָקאלנ, וי, יי, ײַ — דיפטאָנגענ, אנדערע קלאנגענ — קאָנסאָנאנטנ.

2) יאָט הייסט דער רוסישער קלאנג й, דײַטשישער j, צ. ב. דער ערשטער קלאנג אינ „יונג", „יאָר".

3) באמ ארויסרעדנ באשטייט א וואָרט פונ טראפנ, צ. ב. קו-מ ע נ — צוויי טראפנ, קו-מ ע נ-ד י ק — דרײַ טראפנ, קומ — איינ טראפ.

4) אפ איינעמ פונ די טראפנ אינ א וואָרט קומט אנ אקצענט, ד. ה. ער ווערט ארויסגערעדט שטארקער ווי אנדערע טראפנ, צ. ב. אינ רעוואָליוציע איז דער אקצענט אפ ל י ו, אינ רעוואָליוציאָנער — אפ נ ע ר.

5) אָבער אינ קירצונגענ שרײַבט מענ — רײַ (צ. ב. רײַקאָמ).

6) דאיעינו באטײַט „נענוג פונ אונדזערט ווענג" (א העברייִש וואָרט).

שפּילן: בוי [1], בויקאָט, הערוי, טרויקע, קאָנוווי; טאָלסטוי, לויד־דזשאָרזש, רייד [2]; גיי [3].

12. ווען י באַטײַט i (רוסישער и) און שטייט לעבן א וואָקאל אָדער לעבן א יוד, שטעלט מען אונטערן י א פּינטל. ביישפּילן:

1) פאר א וואָקאל: אימפּעריאַליזם, פּיאַנער, דערציִונג, נעסיִע.

2) נאָך א וואָקאל: כאיִם, מאיִס, מעשוגאָיִם, רויִק, אטעיִסט.

3) לעבן א יוד: אנטיִיאַנקיפּער(־קאמפּאניע), בלויִנקער, טאָלסטויִש, העברייִש, פּארטייִש, פּייִק, צווייערלייִקן, נעוויִים.

4) ייִ אין אָנהייב וואָרט: ייִדיש, ייִכעס, ייִנגל, ייִשעוו; אָדער אין א צונויפזאַץ מיט אזויִנע ווערטער: שטאָטייִדן, פּאריִידישן, לערנייִנגל.

אָן דעם פּינטל וואָלט געקענט זײַן א סאָפעק, צי דער יוד באַטײַט i (רוסישער и) אָדער (רוסישער й) אָ־ער ווייכקייט פונעם קלאנג (זע 13), צ. ב.

נעסיִע וואָלט מען ניט געוווסט: нэсье, несие

אין אלעפבייז פארנעמט י ניט קיין באזונדער אָרט. ער גייט צוזאַמען מיט י.

13. ווען א קאָנסאָנאַנט ווערט ארויסגערעדט ווייך [4] און נאָך אים שטייט א וואָקאל, שרײַבט מען צווישן דעם קאָנסאָנאַנט און דעם וואָקאל א יוד. ביישפּילן: איליוסטראַציע, אינזשעניער, אפּעליאַציע, טוליען, ליאַדע, ליאַמע, ניאַניע, סמאליען, עליע, פּליאַמע, קליאַמקע, ראַליע, רעוואָליוציע.

וועגן אזויִנע ווערטער ווי לעגענדע אא. — זע 40 און 76.

14. ווען אָבער נאָכן ווייכן קאָנסאָנאַנט איז ניטאָ קיין וואָקאל (ד.ה. ווען נאָך אים איז א קאָנסאָנאַנט אָדער מיט אים ענדיקט זיך דאָס וואָרט), שרײַבט מען ניט קיין יוד (ד. ה. אין אזא פאל שרײַבט מען דעם ווייכן קאָנסאָנאַנט גלײַך ווי א הארטן); ביישפּילן:

אלט (альт), אַלכע, פּאלטאָ, קולטור, קעלניע [5], וואנקע, ווילהעלם; אר־טיל, מאָל (моль), מעדאל, פּען (пень); אומאן, קאזאן, קרעמל (кремль).

---

1) א ייִנגל (א ענגליש וואָרט).

2) מארש.

3) א פאמיליע.

4) א קאָנסאָנאַנט קען אמאָל ארויסגערעדט ווערן אָדער הארט אָדער ווייך, צ. ב. אין מאנע איז דער נ הארט (אויך אין מײַנע), און אין מאניע — ווייך. (אין רוסיש, אוקראַיִניש, ווײַסרוסיש זײַנען פאראן אסאך ווייכע קאָנסאָנאַנטן. אין ייִדיש — נאָר ל, נ און אייניקע אנדערע).

5) דאָ איז א ווייכער ל און א ווייכער נ, אָבער נאָכן ל שטייט ניט קיין יוד.

15. ווען נאָכן ווייכן קאָנסאָנאַנט שטייט א יוד, שרײַבט מען ניט קיין באַזונדער יוד פאַר ווייכקייט, צ. ב.

אילִיטש, אילִיטשאָווקע, מאָליער (Мольер).

C. וועגן אויסגעשלאָסענע אויסיעס

16. די אויסיעס בֿ (מיט א פינטל), ײַ (эй) [1] ווערן ניט באַנוצט.

17. אינעם אלטן אלעפבייז פלעגן סאָף וואָרט קומען די שלאָס־אויסיעס (ך, ם, ן, ף, ץ). איצט זײַנען זיי שוין פון דער סאָוועטישער גראַפיק אויסגעשלאָסן; איבער טעכנישע סיבעס באַנוצט מען זיי נאָך דערווײַל אין אייניקע אויסגאַבעס (אין סאָף וואָרט און פאַר א דעפיס).

18. די נעמען פון די שלאָס־אויסיעס זײַנען געווען: לאַנגע כאָף, שלאָס־מעם, לאַנגע נון, לאַנגע פיי, לאַנגער צאַדעק.

II. מאָרפאָלאָגישער אויסלייג

19. אויב א וואָרט באַשטייט פון צוויי טיילן [2]: פון צוויי וואָרצלען אָדער פון א וואָרצל מיט א פּרעפיקס אָדער סופיקס,— און אפן גרענעץ פון די צוויי טיילן טרעפט זיך א שטאַרקער קאָנסאָנאַנט מיט א שוואַכן אָדער א שוואַכער מיט א שטאַרקן [3], שרײַבן זיך ביידע קאָנסאָנאַנטן, כאָטש אפילע אין רייד ווערט דער שטאַרקער קאָנסאָנאַנט שוואַך אָדער דער שוואַכער שטאַרק.

---

1) ײַ ווערט באַנוצט נאָר אלס צוויי באַזונדערע אויסיעס, צ. ב. געוויִם.

2) דאָס וואָרט שטאָטראַט באַשטייט פון: שטאָט און ראַט, דאָס וואָרט איבערײַס פון: איבער און רײַס, דאָס וואָרט אָפּאַרבעטן פון: אָפּ און אַרבעטן און דאָס וואָרט דערשרעקט פון: דערשרעק און ט. דאָס וואָרט זעסט פון: זע און סט. דאָס זײַנען אַלץ טיילן פון וואָרט: „שטאָט", „ראַט", „רײַס", „אַרבעט", „שרעק", „זע" — דאָס איז וואָרצלען; „איבער" — איז אוועק באַלעוו צוגאָב; „דער" איז א פּרעפיקס; „נט", „סט" — דאָס איז סופיקסן. דער וואָרצל האָט דעם איקער־באַטײַט פון וואָרט; די איבעריקע טיילן זײַנען צוגאָבן צום וואָרצל: א פּרעפיקס — פאַרן וואָרצל, א סופיקס — נאָכן וואָרצל (וועגן ווערבאַלע צוגאָבן זע 30).

3) שטאַרקע קאָנסאָנאַנטן: פּ | פֿ | ט | ס | ש | טש | ק | כ

שוואַכע קאָנסאָנאַנטן: בּ | וו | ד | ז | זש | דזש | ג | —

ביישפּילן:

(פּ) אָפּגיין (ניט אָבגיין);

(פּ) פּראָפּבאַוועגונג, ארופגיין;

(ט) האנטבוך, אנטבאַלעגופּט;

(ס) אויסגיין;

(ק) אופמערקזאַם;

(בּ) טרײַבקראַפט, דו לעבסט, ער לעבט, געלעבט;

(זש) דייזשקע;

(ג) ער זאָגט, געזאָגט, דער קליגסטער.

20. אויב אפּגרענעצ פון צוויי וואָרט־טיילן טרעפן זיך ס מיט ש, ט מיט צ, צ מיט ס, ד מיט ט, ט מיט ד, ז מיט ס, ס מיט ז אדג., ד. ה. צוויי אויסיעס, וואָס ווערן צוזאַמען ארויסגערעדט ווי איינס, שרײַבן זיך ביידע אויסיעס.

ביישפּילן:

(ס מיט ש) עסשיסל, אויסשעפּן;

(ש מיט ס) אַשס וועדק, דער נארישסטער, א קינד א נארישס;

(סט מיט שט) פעסטשטעלן;

(ט מיט צ) הויפּטצאָרע, פּאָרטציגאַר [1], מיטציִען;

(צ מיט ס) דער שטאָלצסטער, א קינד א שטאָלצס, קאַצס ברודער;

(ס מיט ז) אויסזאָגן;

(ז מיט ס) דער בייזסטער, א קינד א בייזס, דער מויזס נאָרע, קרעזס רײַכקייט;

(ט מיט ד) אנטדעקן;

(ד מיט ט) שונדטעאַטער;

(פּ מיט בּ) אָפּבעטן;

(ג מיט ק) גרינגקייט.

דעריבער דאַרף מען שרײַבן:

דו היצסט זיך, זיצסט, זעצסט, פּלאַצסט, קריצסט, שאַצסט אאַוו.;

דו דרעשסט, וואַשסט, לעקסט, נאַשסט, פּאַטשסט, קוועטשסט אאַוו.;

ער באָדט, בינדט, ווענדט זיך, זידט, לאָדט אָן, לײַדט, מײַדט אויס, פארשווינדט, צינדט, צעשיידט, רעדט אאַוו.;

---

[1] פון פּאָרט (אזוי ווי אין פּאָרטפעל, פּאָרטמאָנע) און ציגאַר.

זיך געווענדט, גערעדט, זיך דערעדט, אָפּגערעדטקייט אאוו.

21. [1]) מע שרײַבט אָבער:

די בלאָזט, ברויזט, ווײַזט, לאָזט, מוזט, שפּײַזט אאוו.

22. אויב אפן גרענעץ פון צוויי וואָרט־טײלן (אָדער פון צוויי ווער־טער) טרעפן זיך ט מיט ס, ד מיט ס, ט מיט ז (וואָס ריידן זיך געוויינלעך ארויס צוזאמען צ), שרײַבט זיך טס, דס, טז. בײַשפּ.:

(ט מיט ס) גרונטסיבע, הויפּטסימען, אינהאלטסרײַך [2]), דער עלט־סטער, דער בארימטסטער, דער באוווסטסטער, גוטס, אלטס [3]), מאראטס לעבן;

(ד מיט ס) דאָווידס ברודער, א קינד א בלינדס, דער מינדסטער;

(ט מיט ז) האָט זיך גענומען, שרײַבט זיך.

דעריבער דארף מען שרײַבן:

די ארבעטסט, בעטסט, בראָטסט, גלעטסט, בײַטסט, ווארטסט, טרעטסט, מישפּעטסט, נייטסט אאוו. (כוץ: דו וואַלסט, דו טראכסט);

דו באָדסט, בינדסט, ווענדסט זיך, זידסט, לײַדסט, פארשווינדסט, צינדסט, רעדסט, שינדסט אאוו.

23. אויב אין א צונויפזאַץ אָדער אין אן אברעוויאַציע [4]) טרעפן זיך אפן גרענעץ פון די צונויפגעזעצטע טיילן צוויי אלציינע קאָנסאָנאנטן שרײַבן זיי זיך ביידע. בײַשפּילן:

בירגערעכט (שרײַבט זיך מיט צוויי ערן, ווײַל ס'באשטייט פון „בירגער" און „רעכט"), גראָזזייונג, הויפּטטייל, וועלטטייל, יאָררע־כענונג, יוגנטטאָג, לײַכטטורעם, נאטורררײַכקייט, פארעוואָליוציאָנערער, צווישנפאציאָנאלער, קויפפייִקייט;

מאָססאָוועט, פּאָליטטוער [5]).

---

[1]) אן אויסנאַם פון קלאַל 20.

[2]) דער ס איז דאָ א בינד־סימען. מע קען זיך מערסטנטייל באגיין אָן דעם ס; אינהאלטרײַך אאוו.).

[3]) קעגנזאַץ צו נײַס; אָבער אלץ — פון וואָרט אלע.

[4]) אברעוויאַציע הייסט א וואָרט צונויפגעזעצט פון געקירצטע ווערטער, צ. ב. פאָלקאָמיסערן — פאָלקס־קאָמיסאריאט פאר אויסערן־איניאָנים.

[5]) פון פּאָליט (ווי אין פּאָליטופּקלער אא.) און טוער, פון מאָס (מאָסקווער) און סאָוועט.

מע שרײַבט אָבער[1]:

אָרעמאַנ, פּראָפּארײנ, סאָווירט.

24. אינ אנדערע פאלנ, כוץ אינ צונויפזאצנ אונ אינ אברעוויאַציעס, שרײַבנ זיך ניט קײנ צווײ אלצײנע קאָנסאָנאנטנ נאָכאנאנד, אפילע ווענ זײ טרעפנ זיך אפנ גרענעצ פונ צווײ וואָרט־טײלנ. בײַשפּילנ:

אָנעמענ (כאָטש ס'באשטײט פונ אָנ־ אונ נעמענ), אײַנײענ, ארײַנארנ, דערײדנ זיך (דער־רײדנ), פארעכענענ

רויִקײט (רויִק־קײט)

סעזאָניק (סעזאָנ־ניק)

דער הײסטער (הײס־סטער)

זשאָרעס (זשאָרעס־ס) לעבנ, מארקס ווערק, דעמ באלעבאָס געשרײענ[2].

איבערופנ (איבער־רופנ), איבעראיאָנירונג.

25. מע שרײַבט אויך: דו גלוסט, הוסט, מעסט, קאָסט אאוו.

26. א שטאַרקער אונ א שוואכער קאָנסאָנאנט (אָדער א שוואכער אונ א שטארקער) שרײַבנ זיך בײדע נאָר אינ אזעלכע פאלנ:

a) ווענ זײ געהערנ צו באזונדערע טײלנ פונעמ וואָרט (זע 19) אָדער ווענ זײ נעמענ זיך פונ פארשײדענע ווערטער אינ אברעוויאַציעס; בײַשפּילנ:

זאגס, ווטוז[3];

b) ווענ אינ אנ אנדער פאָרמע פונעמ זעלבנ וואָרט[4] איז צווישנ די צווײ קאָנסאָנאנטנ פאראנ א וואָקאל; בײַשפּ.:

זקײנימ (ניט סקײנימ)—לויט „זאָקנ" (אלטער);

c) אינ אײניקע אינטערנאציאָנאלע ווערטער:

אבסאָליוט (ניט אפּסאָליוט), אבסורד, אבסטראקט;

אווטאָמאָביל (ניט אפטאָמאָביל), אווטער, אווסטראליע;

אבסטרוקציע, אָבסערוואטאָריע;

אנעקדאָט, מאקדאָנאלד, קאווקאז;

[1]) אלס אײסנאמ פונעמ קלאל 23.

[2]) דער אפּאָסטראָף ' (מארקס', זשאָרעס' אדגל.) איז איצט אָפּגעשאפט.

[3]) זאגס—לויטנ רוסישנ Отдел записей актов гражданского состояния, ווטוז—לויטנ רוסישנ Высшее техническое учебное заведение

[4]) „אנ אנדער פאָרמע" הײסט אנ אנדער וואָרט, וואָס שײדט זיך ניט אונטער פונעמ געגעבענעמ וואָרט ניט מיטנ וואָרצל, ניט מיטנ איקער-באטײַט.

d) אין אייניקע אנדערע ווערטער:

אויבס, בודקע, דכאַק, וואָקזאל, זכוס, זכיע, האקדאָמע, הארבסט, לאָדקע, לעסבריירע, מאטביִע, מאסביר זײַנ, מאָרדכע, ניסגאדל ווערנ, סגולע, סדאָם, ספראווקע, פאָדקעווע, קאָראָבקע, קלאדקע, — אונ אינ די ווערטער מיט ־אָווקע—ע־ווקע (מאַסאָווקע, קאסריִלעווקע).

מע שרײַבט אָבער (מיט צוויי שטארקע אָדער מיט צוויי שוואכע קאָנסאָנאנטנ): אזבעסט, באטכנ, ביסט, בעזדנ, גופקע, דאפקע, דראָשקע, האזשגאָכע, האפטאָכע, הויפט, היפש, העגדעש, וועגטקע, יעכעסקל, כעזשבנ, מאזשגיִעכ, מאפטיִעכ, סטעזשקע, סכאריע, עגבער, עקרעש, פכאָר, פסורע, פריקאשטשיק, קאפצנ, קאראפקעס זיכ.

III. ענדונגענ, סופיקסנ, פרעפיקסנ, ווערבאלע צוגאָבנ, אייניקע באזונדערע ווערטער

27. די דאָזיקע ענדונגענ [1]) אונ סופיקסנ שרײַבנ זיכ, ווי דאָ איז אָנגעוויזנ:

־אטאָר (אָרגאניזאטער, קאָאָפעראטער).

־אטעריש (אָרגאניזאטעריש); אָדער ־אטאָריש — אויב דער אקצענט איז אפנ אָ (אָבליגאטאָריש אָדער אָבליגאטעריש).

־אל אָדער ־על (נאציאָנאל, קולטורעל); אמאָל איז פאראנ א כילעק צווישנ די צוויי סופיקסנ (מאטעריאל—מאטעריעל), אמאָל ניט (פאָרמאל—פאָרמעל).

־אנצ, ־ינצ, ־ענצ, ניט ־אנציע, ־ינציע, ־ענציע (אינסטאנצ, פראָווינצ, קאָנפערענצ). אָבער:

סטאנציע, קוויטאנציע.

־עצ, ־עס (גרענעצ, גענעצ, ערגעצ, עפעס,—ניט גרעניצ, עפיס אא.)

־דיק (רעגנדיק)

־הייט (געזונטערהייט)

־הײַט (פרײַהײַט)

---

[1]) ענדונג הייסנ די לעצטע קלאנגענ אינ וואָרט (דאָס קאָנ זײַנ א סופיקס אָדער ניט קיינ סופיקס).

־ונג (פארזאמלונג, בויונג,—פון פארזאמלען, בויען), אָבער: הערינג, וויצלינג, ליבלינג אא.

־ווארג (אלטווארג)

־ווײַז (טײלווײַז, ייִנגלווײַז, מאכנעסווײַז)

־טשיק (קלײנטשיקער)

־יִאדע (לעניניִאדע)

־יוו, ניט ־ווע (איניציִאטיוו, פערספעקטיוו)

־יזירן (אָרגאניזירן)

־יזם (קאָמוניזם)

־יטשק (יונגיטשקער, פשעניטשקעס)

־יסט (קאָמוניסט)

־יסטיש (קאָמוניסטיש)

־ים — ווען ס'איז א סופיקס פון מערצאָל [1] (—באלעכאִים, גאבאָיִם,— דאָקטוירים, כאווײרים; אויך דעמאָלט, ווען קײן אײנצאָל איז ניטאָ: געדערים, טאכריכים, יאָדאִים, מעשוגאָיִם); אויך אינעם נאָמען כאִים[2]. אין אנדערע פאלן שרײַבט זיך די ענדונג ־עם (ווארעם, וואָרעם, טורעם, פאָנעם, פאָדעם, שטורעם אאוו. אויך אין די מערצאָלן ווערעם, פעדעם[3]).

־ינק (שײנינקער)

־יע, ניט „יי“ (סאָניע, פאניע)

יע, ניט יִע (אימפעריע, מאטעריע, פאָעזיע, רעוואָליוציע); אָבער אין אנדערע פאָרמעס פון די זעלבע ווערטער קאָן קומען יִ אָנשטאָט י (אימפעריִאליזם, מאטעריִאליזם, נאציִאָנאל, רעוואָליוציִאָנער).

־יע, ניט ־יען (דאניע, נאָרוועגיע)

־יק (בארגיק, ליכטיק; דרײַסיק, צוואנציק אאוו.; זונטיק, מאָנטיק אאוו.; בויבעריק, דאנציק, לײפציק; האָניק, ווערדליק, מיטיק, פרישטיק אא.); אין אנדערע ווערטער שרײַבט זיך די ענדונג ־עק (אײסעק, כײלעק אא.).

---

1) מערצאָל הײסט די פאָרמע פון א וואָרט, וועלכע באטײַט מער ווי אײנס, צ. ב. דאָקטער—אײנער, דאָקטוירים—צוויי, דרײַ אאוו; דאָקטוירים איז א מערצאָל.

2) און אין די ווערטער יערושאָלאִים, לעכאִים, מיצראִים.

3) דאָ איז ־עם ניט קײן ספעציִעלער סופיקס פון מערצאָל.

־יק, ניט ־יקע (גראמאטיק, פּאָליטיק, פיזיק אדגל.)

־יש, ווען ס׳איז א סופיקס (טיפּיש, יאמיש, סאָוועטיש, שטאָטיש); ווען ס׳איז ניט קיין סופיקס שרייבט זיך די ענדונג ־עש (טיפּעש, ניט פון וואָרט טיפּ; כוידעש, ניט פון כויד)

־יי, ניט ־ייע (אידיי)

־ייִק (פייִק, צווייערלייִק, שנייִק)

־ייִש (אייראָפּייִש, פּארטייִש, רויטארמייִש)

־לעך (גליקלעך; ייִנגלעך; ייִנגעלעך)

־ן, ניט ־ין (ארבעטערן)

־ניצע (קאָלווירטניצע)

־ניק (קאָלווירטניק)

־ניש (פינצטערניש)

־סטו (בא דער צווייטער פּערזאָן — זעסטו, גייסטו, האָסטו)

־סטער (צוואנציקסטער, דרייַסיקסטער אאוו.)

־ע (מעלוכע, אָבער: אינקאָגניטאָ, ברוטאָ, דינאמאָ אא.)

־וואטע (טאמעוואטע)

־עוודיק (רירעוודיק)

־עווע (מאסעווע, קלאסעווע), אָבער ־אָווע, ווען דער אקצענט איז אפן אָ (וואטאָווע)

־עווען (פּאַ׳עבאטעווען)

־עך (מויעך, פּאסעך, קויעך, שייַעך אאוו.)

־עכץ (טועכץ, שאָלעכץ)

־על (מענטשעלע)

־ען (אינדרייַען, פירען, פינפען)

־עניו (מאמעניו)

־עניש (לויפעניש)

־ער (טעאטער, מעטער, פילטער, קאדער אאוו.; אווטער, טראקטער אא.[1])

־עשי (זיידעשי)

־קייט (אלטקייט)

---

1) אין מערצאָל בלייַבט אויך ־ער (אווטערס אאוו.), סייַדן דער אקצענט גייט אריבער אפ דער ענדונג (פּראָפעסאָרן) אָדער דער ע פאלט גאָר ארויס (קאדרען).

־ש א פ ט (לערערשאפט)
־ש ט ש י ק (באראבאנשטשיק)

28. די דאָזיקע פרעפיקסן און ווערבאלע צוגאָבן שרײַבן זיך, ווי דאָ איז אָנגעוויזן:

א ד ו ר כ אָדער ד ו ר כ (אדורכגיין אָדער דורכגיין)
א ה י נ (אהינקומען)
א ו מ (אומגיין, אומריין)
א ו נ ט ע ר (אונטערגיין)
א ו פ (אופעסן)
א ו ר (אורייניקל)
א ו י ס (אויספילן)
א ײַ נ (אײַנשליסן)
א נ ט (אנטלויפן)
א ר אָ פּ (אראָפּגיין)
א ר ו מ (ארומרינגלען)
א ר ו פ (ארופשלעפּן)
א ר ײַ נ (ארײַנוואַרפן)
אָ פּ (אָפּגעבן)
ב א (באקומען, באטאָג, באצײַטנס)
ג ע (געגומען, געזאנג, גערעכט)
ד ע (דעמאסקירן)
ד ע ז (דעזאָריענטירן)
ד ע ר (דערשײַנען, ניט ערשײַנען)
נ אָ כ (נאָכגיין)
פ א נ א נ ד ע ר (פאנאנדערנעמען)
פ אָ ר (פאָרשטעלן)
פ י ר (פירהאלטן)
צ ו (זע 30)
צ ו ז א מ ע נ (צוזאמענרופן)
צ ו נ ו י פ (צונויפנעמען)
צ ו ר י ק (צוריקציען)
צ ע (ז. 30)

ר ע (רעאָרגאַניזירן)

ש ע ב ע (בלאָטע שעבעבלאָטע)

9 . די דאָזיקע ווערטער שרײַבן זיך, ווי דאָ איז אָנגעוויזן[1]:

א ו נ (איך און דו; אָבער: גיין אין גאס)

א ו נ ט ע ר, א ו נ ט ע ר נ (אונטערן דאך, אָבער ה י נ ט ע ר
דער וואנט)

א ו י ב

א ו י ך

א י ן, א י נ ע ם (גיין אין גאס; אָבער: איך און דו)

א כ ו ץ, א כ ו צ נ, אָ ד ע ר כ ו ץ, כ ו צ נ

א נ (אן עמעס)

א נ ט ק ע ג נ אָ ד ע ר ק ע ג נ

א נ י ט (לערן זיך, אניט וועסטו ניט קענען)

א פ י ל ע (ער קען אפילע ניט לייענען; אָבער: אין שטאָט
ווינען אפּולע מענטשן)

א ר ו מ

אָ ב ע ר (דו קענסט, אָבער ער קען ניט; אָבער: זאָל גיין
איינער, דו אָדער ער)

אָ ד ע ר

ב א, ב א מ (בא מיר, באם כאווער)

ב י י ס

ב ל ו י ז

ב ע נ ע ג י י ע

ב ע ש א ס

ד אָ ך

ד ע נ

ה י נ ט ע ר (הינטער די אויגן)

ו ואָ ר ע מ (טאָטשעט ווי א וואָרעם; אויך אין באטײַט „ווײַל"‎:
וואָרעם וואָס זאָל מען טון, אז ס'איז נאָך ניט קלאָר)

ו ו י (דו ווייסט אזוי גוט, ווי איך)

1) דאָ זײַנען געבראכט אָפּטער באַנוצטע ווערטער א. ג. הילפוווערטער (וואָס דינען צו אָרגאַניזירן די רייד).

(ער פֿאָרט אהין, ווו איך בין נאָך ניט געווען)

ו ע ג ן

ו ע ד ל י ק

ז י ך (וואַשט זיך, דוכט זיך)

ז י נ ט, צ ײַ ט (באַטײַטן איינס און דאָס זעלבע: זינט, צײַט... איך לעב)

ז ײַ ט אָדער ז ע נ ט (איר זײַט געזונט)

ז ײַ נ ע נ אָדער ז ע נ ע נ

ז ײַ ע נ ד י ק

ז ש ע

כ אָ ט ש

ל ו י ט

ל ע ב נ (ניט נעבן)

מ י צ א ד

מ י ק ו י ע ך

מ ע, מ ע נ, מ'

נ אָ ר

נ י ט, נ י ש ט

ס ײַ

פ ל ו ס

פ ו נ

צ ו (זע 30)

צ ו ל י ב

צ ו ו י ש נ

ק יי נ (איך פֿאָר קיין מאָסקווע; איך האָב ניט קיין געלט).

30. די הילפֿווערטער און וואָרט־טיילן צ ו, צ ע, צ י שיידט מען אונטער אזוי:

1) צ ו — א באזונדער וואָרט, דער קעגנזאץ צו פ ו נ; בײַשפּילן:

איך גיי צ ו אים, איך גיי צ ו ם (צו דעם) כאווער.

2) צ ו—א באזונדער וואָרט, בא פאנאנדערטיילן;

בײַשפּילן:

געגעבן יעדערן צ ו דרײַ רובל, צ ו האלבע עפּל.

3) צו — א באזונדער וואָרט, בא א אינפיניטיוו [1]; בײַשפּילן:

ער האָט כיישעק צו גייג אהיים.

אמאָל קומט דער זעלבער צו אינמיטנ וואָרט; בײַשפּיל:

ער האָט כיישעק אוועקצוגייג אהיים.

דאָס קומט פאָר, ווענ באם אינפיניטיוו איז פאראנ א ווערבאלער צוגאָב [2].

4) צו — אלס ווערבאלער צוגאָב (אמאָל אינ אָנהייב וואָרט, אמאָל א באזונדער וואָרט); בײַשפּילנ:

ער וויל צוגיינ, ער גייט צו, ער גייט אהינ צו; מיר געפעלט זײַנ צוזאָג;

ער גייט צו צו אים;

ער האָט כיישעק צוצוגיינ אהיים.

5) צע אינ אָנהייב וואָרט — בא ווערבנ אָדער בא ווערטער, וואָס נעמענ זיכ פונ ווערבנ; בײַשפּילנ:

מיר צעשטערנ די אלטע וועלט, דער קאפּיטאליזם ווערט צעפוילט.

צע האָט ניט קיינ אקצענט, אָבער דער ווערבאלער צוגאָב צו האָט שטענדיק אנ אקצענט אפ זיכ.

6) צו אינ אָנהייב וואָרט (אָנ אנ אקצענט, אָבער ניט בא קיינ ווערב):

צוביסלעכ, צוגלײַכ, צוזאמענ, צולאָכעס, צומאָרגנס, צומבעסטנ, צונויפ, צונוצ קומענ, צינישט, צוערשט, צופוס, צופוסנס, צופרידנ, צוקאָפּנס, צוריק, צורעכט, צושטײַער.

7) צי — א באזונדער וואָרט, באטײַט א פראגע; בײַשפּיל:

צי ווייסטו, וואָס מיר טוענ?

---

[1] אינפיניטיוו הייסט אזא וואָרט (נאָמענ פונ טוונג) ווי: **ארבעטנ**, קומענ, זיצנ. ווערב באטײַט **עמעצנס** א טוונג (גייסט, גייט), ווי איכ דער **נאָמענ פונ** טוונג, דער אינפיניטיוו (גיינ).

[2] ווערבאלער צוגאָב הייסט יעדער כונ די ווערטער, וואָס קומענ צו צו א ווערב: אומ, אונטער, אופ, אויס, אראָפּ, ארופ, ארײַנ, אָפּ, פאנאנדער, צו אא. (אומגיינ, איכ גיי אומ אאוו.).

א ווערבאלער צוגאָב קומט אינ אייניקע פאלנ פארנ ווערב, אינ אנדערע נאָכנ ווערב; ער האָט אפ זיכ אלעמאָל אנ אקצענט (אומגיינ).

צ י האָט אויך דעם באַטײַט „אָדער“; בײַשפּיל:
קומט הײַנט צי מאָרגן [1].

IV. פֿאַרשײדענע קלאַלים

31. פֿאַר נג, נק שרײַבט זיך א, ע (ניט ײַ, יי), צ. ב. באַנק, הענגענ (ניט: בײַנק, הײנגענ).

אָבער װען דער נ און דער ג אָדער ק געהערן צו פֿאַרשײדענע טײלן פֿונעם װאָרט שרײַבט מען ײַ, יי, צ. ב. װײַנגאָרטן (פֿון „װײַנ“ און „גאָרטנ“), קלײנגעלט (פֿון „קלײנ“ און „געלט“), שײנקײט, פֿײַנקײט.

32. נאָך נג, נק שרײַבט זיך ען, ניט נ, צ. ב. זינגענ, געזונגענ, זינגענדיק, טרינקענ, געטרונקענ (ניט זינגנ, טרינקנ, געטרונקנ).

אָבער אין דער בײגונג [2] פֿון אײגננעמענ (לענע אא.) און פֿון אַדיעקטיװנ [3] שרײַבט זיך נאָך נג, נק — נ, צ. ב.

געלײענט מערינגנ, באַגעגנט פֿינקנ
געזען א יונגנ כאַװער, א פֿלינקנ אַרבעטער
(אַזױ שרײַבט זיך אױך: א יונגנמאַנ)
אָבער: בראַװע יונגענ.

33. אין דער בײגונג פֿון אַדיעקטיװנ, װאָס ענדיקנ זיך מיט נ, שרײַבט מען דעם סופֿיקס ־עמ; בײַשפּילנ:

דינ — א דינעמ, שײנ — א שײנעמ.
טרוקנ — א טרוקענעמ, פֿאַרװאָרפֿנ — א פֿאַרװאָרפֿענעמ.

34. אין דער בײגונג פֿון א יעקטיװנ, װאָס ענדיקנ זיך מיט מ, שרײַבט מען דעמ סופֿיקס ־ענ; בײַשפּ:

אָרעמ — אָרעמענ, געמײנזאַמ—געמײנזאַמענ.

35. אין דער בײגונג פֿון אַדיעקטיװנ, װאָס ענדיקנ זיך מיט דיפֿטאָנג (ײַ, יי אא.), שרײַבט מען דעם סופֿיקס ־ענ; בײַשפּ.:

---

1) צ י האָט נאָך דעמ באַטײַט „ציִענ“: צי די שטריק, טו א צי די שטריק.

2) די ענדערונג פֿון א װאָרט לױט די פּראַגעס: װעמענ, װעמעס, אַװעלכנ, אַװעלכעס (צ. ב., „מערינגנ“ איז א בײגונג פֿון „מערינג“).

3) אַדיעקטיװ — א װאָרט, װי יונגער (כאַװער), גוטער (אַרבעטער), זיגרײַכער (מאַרש), װעלכער באַטײַט א סימענ פֿון א זאַך.

בלוי—בלויען, פרײַ—א פרײַען;

אָבער נײַ—א נײַעם, גענוי—א גענויעם[1])

36. מע שרײַבט: גיין, איך וועל גיין, איך פלעג גיין, אָבער מיר גייען, זיי גייען.

אזוי שיידט מען אונטער אויך שטיין (איך קען שטיין)—שטייען (מיר שטייען), זען (מע דארף זען)—זעען (זיי זעען) אא.

37. מע שרײַבט געזען (איך האָב געזען), געשען (עס וועט געשען עס איז געשען), געטאָן אָדער געטון.

אָבער: א געזעענער, א געשעענער.

38. מע דארף שרײַבן בינדן (איך וועל בינדן, איך פלעג בינדן) —געבונדן (איך האָב געבונדן).

געווינען — געוווּנען

געלינגען — געלונגען (עס וועט געלינגען — עס איז געלונגען)

געפינען — געפונען

דינגען — געדונגען

דרינגען — געדרונגען

ווינטשן — געוווּנטשן

זינגען — געזונגען

זינקען — געזונקען

טרינקען — געטרונקען

פארגינען — פארגונען

פארשווינדן — פארשווּנדן

צווינגען — געצווּנגען

צינדן — געצונדן

קלינגען — געקלונגען

רינען — גערונען

שווימען — געשווּמען

שינדן — געשונדן

שלינגען — געשלונגען

---

1) אין אנדערע פאלן פון אדיעקטיוון כוץ די קלאַלים 33, 34, 35 שרײַבט מען אין דער בייגונג —ן (גוט — א גוטן, איידל—אן איידעלן).

שפרינגען — געשפרונגען [1]

39. מע שרײַבט:

1) באַרביוס
ביוסט
ביוראָ
ביוראָקראַט
דעביוט
וועסטיביול
טיול (тюль)
נ׳אַקטיורן
ניואַנס
מאַנקיולאָט
עטיוד
פּיורע
קאָסטיום
קופּיור
רעאָמיור

2) בודזשעט
בראָשור
זשורי
טורמע
טרויזמ
סוזשעט
סורטוק
סורפּריז
קאָמוניקע
רידיקול
רעזומע

3) בריסעל
וואָלאַפּיק
מאַניקיר
מינכען
ציריך

40. אין אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער שרײַבט מען ניט קיין יוד צווישן ל און ע. בײַשפּילן:

באַלעט, בילעט, דעלעגאַט, לעגענדע, לעקסיקאָן, סקעלעט, עלעגאַנט, עלעוואַטער, עלעמענט, עלעקטרע, פּראָלעטאַריאַט, קאַוואַלעריע, קאָלעקציע.

(אָבער: פּאָדליעץ, פּוליעמיאָט,—ניט קיין אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער); אָבער מע שרײַבט א יוד, ווען נאָכן ווייכן ל איז א, ו; בײַשפּילן:

איליוזיע, איליוסטראַציע, אַפּעליאַציע, ווענטיליאַטער, יוביליאַר, פּאָ־ליוס, קאַנצעליאַריע, רעוואָליוציע.

41. מע שרײַבט:

1) אונדז, אינדזל, בלאָנדזשען (אָדער בלאָנדזשען), האַלדז, לינדז, פּענדזל, פראַנדז (אָדער פראָנדז), אָבער: צינז.

---

[1] אָבער: בילדן—געבילדעט, גרינדן—געגרינדעט, גרינען—געגרינט אאַוו. (נאָר וויסן — געוווּסט).

2) אלץ, וואָנצן, יענץ, מאנצבל, פינאנצן (אָבער: פינאנסירן), פינ־צטער, פענצטער.

3) אָבער: ערנסט, קלענסטער, שענסטער

בענטשן, ווונטש, ווינטשן, מענטש.

42. מע שרײַבט מיט וו (ניט מיט פֿ): אגעוו, בריוו, גאנעוו, יאָנטעוו.

43. מע שרײַבט מיט ה (ניט מיט ג) די אינטערנאציאָנאלע ווערטער:

האליוצינאציע, האָנאָראר, האָריזאָנט, היגיענע, הידראָפּלאן, היפּאָ־דראָם, היפּאָטעזע, היפּנאָז, היפּערבל, העגעמאָניע אא.

אויך די אייגננעמען: האמבורג, האניבאל, (סטענלי) האָל, האָלאנד, דזשימי היגינס, הימאלײַען, היינריך היינע, העגעל אא.

די אלע ווערטער שרײַבן זיך מיט h אין יענע שפּראכן, ווו די שריפט איז די לאַ־טייניש; אין רוסיש שרײַבן זיי זיך מיט "г".

44. מע שרײַבט מיט ט (ניט מיט פֿ) די אינטערנאציאָנאלע ווערטער:

אָרטאָגראפיע, מיטוס, פאטאָס, קאטעדרע אא.

די אלע ווערטער שרײַבן זיך מיט t אין יענע שפּראכן, ווו די שריפט איז די לאטייניש; אין רוסיש שרײַבן זיי זיך מיט ф.

אָבער: אריפמעטיק, אריפמאָמעטער, דיפיראמב, מיפ, מיפיש.

45. די כאדאָשים־נעמען שרײַבן זיך אזוי:

יאנוואר, פעווראל, מארט, אפּרעל, מײַ, יונ, יול, אווגוסט, סענטיאַ־בער, אָקטיאבער, נאָיאבער, דעקאבער.

V. וואָרט-גרענעץ

46. א הילפוואָרט שרײַבט זיך באזונדער פונעם ווײַטערדיקן וואָרט, און א פּרעפיקס—צוזאמען מיטן ווײַטערדיקן וואָרט (אונטערשיידן א הילפ־וואָרט פון א פּרעפיקס קען מען געווייִנלעך אזוי: אויב מע קען נאָכ־דעם ארײַנשטעלן אנדערע ווערטער, איז עס א הילפוואָרט און מע דארף עס שרײַבן באזונדער, אויב ניט איז עס א פּרעפיקס און מע דארף איס שרײַבן צוזאמען). בײַשפּילן:

הילפֿווערטער	פּרעפֿיקסן
א פּאָנעם האָט עס (פּאראנ: א שיינעם פּאָנעם האָט עס)	אפּאָנעם, אז ער איז שוין דאָ
איך האָב א היים	איך גיי אהיים
בא ארבעט איז גוט, אז מע העלפֿט איינער דעם צווייטן	באארבעט דעם מאטעריאל
צו פרידן שטרעבן און צו מילכאָמע זיך גרייטן	ציפרידן מיטן רעזולטאט בין איך ניט
מע דארף אופשטעלן אן אלפֿאבעטיש צעטל	א גרויסער טייל באפעלקערונג איז געווען אנאלפֿאבעטיש

די ווערטער „דער דאָזיקער" (די דאָזיקע, דאָס דאָזיקע, דעם דאָזיקן), דער „זעלביקער" (די זעלביקע, דאָס זעלביקע, דעם זעלביקן) שרייבן זיך באזונדער [1].

47. די ווערטער: האָסטו, מאכסטו, גייסטו, זעסטו אדגל. שרייבן זיך צוזאמען (ניט: האָסט דו אאוו.).

48. ניט (נישט) שרייבט זיך, ביקלאל, באזונדער; ביישפּ.:

ער איז ניט געווען; ער ווינט ניט הי; ער קען ניט—ניט יידיש, ניט רוסיש.

אן ענגערע פארבינדונג פון „ניט" מיטן וויטערדיקן וואָרט ווערט באצייכנט דורך א דעפיס, צ.ב. א ניט־דערשאָסענער.

נאָר אין אייניקע פאלן דארף מען שרייבן ניט (נישט) צוזאמען מיטן וויטערדיקן וואָרט.

ניטגוט (ד.ה. איבלדיק), ניטגוטער (א רועכ), א ניטהיגער (אָבער: ניט קיין היגער), ניטגעבעטן, ניטגעבעטענערהייט.

49. א פּרעפּאָזיציע [2] שרייבט זיך, ביקלאל, באזונדער פונעם וויטערדיקן וואָרט: ביישפּילן:

[1] דערמיט איז אָפּגעשאפן דער פריערדיקער אומבאגרינדעטער קלאל וועגן שרייבן „דערדאָזיקער", „דערזעלביקער" צוזאמען.

[2] פּרעפּאָזיציעס זיינען: אום, אונטער, איבער, אין, אין־אריין, אינמיטן, אלפּי, אנטקעגן (קעגן), אפּ, ארום, אָן, אָנשטאָט, בא, ביז, ביים, בעשאס, דורכ, הינטער, וועגן, זינט (צייט), ביז, לויט, לעבן, מיט, מיצאד, מעקוייעכ, נאָכ, ערעוו, פאר, פארביי, פון, פון־אום, פון־אָן, פון־אראָפּ, פון־ארויס, פון־וועגן, צו, צווישן, צוליב, קיין אא.

איבער דעם, אין אָנהייב, אין דער פינצטער, אין ערגעץ, אין קאָפּ, אלפּי סייכל, אפּ אן עמעס, אפּ דער פריַי, אפּ לאנג, אפּ מאָרגן, אפּ שפּעטער, ביז אהער, מיט בייזן, מיט גוטן, מיט דעם, פאר זיך, פון אויבן, פון אמאָל, פון דער היים (ניט: פון דערהיים), פון דער זייַט, פון וואָס, פון לאנג, צוליב וואָס.

50. א פּרעפּאָזיציע שרייַבט זיך צוזאמען מיטן ווייַטערדיקן טייל, אויב דער טייל קען אָן קיין פּרעפּאָזיציע ניט פּאָרקומען; בייַשפּילן:

אינדערוואָכן, איניינוועגס, אפּדערעמעסן (ניטאָ באזונדער „דער עמעסן"), בײַזוואנען (ניטאָ „וואנען"), פונדערווייַטנס, פונוואנען, צו־פוסנס, צוקאָפּנס.

51. אין די דאָזיקע ווערטער שרייַבט זיך די פּרעפּאָזיציע צוזאמען מיטן ווייַטערדיקן טייל [1]:

איבעראיאָר, איבעראכטאָג, איבעראנייַס, איבערגוואלד, אינגאנצן, אינגיכן, אינדרויסן, איניינעם, אינמיטן, אפּגיך, מיטאמאָל, נאָכדעם, פארוואָס [2], פאריינס, צוגאסט, צומבעסטן, צוערשט, צורעכט, אינדערהיים, צושטייַער און אייניקע אנדערע.

52. מע שרייַבט צוזאמען: דערמיט, דערפאר, פארדערפאר (ד. ה. פאר דעם), דערצו, צודערצו אאוו.

53. באַם צונויפגוס פון א געקירצטן פּראָנאָם [3] מיט א ווערב אָדער פון א פּראָנאָם מיט א געקירצטן ווערב שרייַבט מען אן אפּאָסטראָף ('); בייַשפּילן:

כ'גיי, ס'איז געווען, ס'גייען מענטשן, ס'איז געקומען, מע האָט'ן געכאפּט, איכ'ל גיין, דו'סט זען, ער'ט נעמען, וואָס ט'איר זאָגן [4].

54. אין אייגננעמען פון פרעמדע שפּראכן, וואָס שרייַבן זיך אין יענע שפּראכן מיט אן אפּאָסטראָף, בלייַבט אין יידיש דער אפּאָסטראָף; בייַשפּיל:

---

[1]) ס'איז אן אויסנאַם פונעם קלאל 49.

[2]) צ. ב. פארוואָס ארבעט ער נישט? אָבער: ער ווייסט ניט פאר וואָס זיך צו נעמען.

[3]) פּראָנאָמען זייַנען: איך, דו, ער, זי, עס אאַ.

[4]) אָבער באַם צונויפגוס פון א פּרעפּאָזיציע מיטן געקירצטן וואָרט „דעם" שרייַבט מען ניט קיין אפּאָסטראָף: צום כאַווער (ד. ה. צו דעם כאַווער), אפּן טיש.

ד'אנונציאָ.

55. בא פארפעלטע קלאנגען אין א וואָרט שרייבט מען אן אפּאָס־טראָף [1]. ביישפּילן:

נאַק'טע קעפּלעך, נאַק'טע פיס; צו ג'זונט.

56. א צונויפגעזעצט וואָרט [2] שרייבט זיך בּיקלאל צוזאמען. ביישפּ.:

1) ערדארבּעט, ערדארבּעטער, דרעשמאשין.

2) יונגערמאן [3], יונגעלייט, גוטעפריינט, גלייכוועדטל.

3) צוקערזיס, שפּאָטבּיליק, אייזנפּעסט, שטאָקפינצטער.

4) אויבּנוף, אלעמאָל, אלצייגס, בּארגאראָפּ, וויאזוי, נאָכאמאָל, נאָרוואָס [4].

5) בּרייטבּיינערדיק, לאנגיאָריק.

6) געזערד, דניעפּערבּוי, קאָלווירט, קאָמפּארטיי.

57. לאנגע צונויפזאצן שרייבט מען מיט א דעפּיס (קעדיי גרינגער אופ־צוכאפּן מיטן אויג בּאם לייענען); ביישפּ.:

בּילדונג־קאָמיסאריאט, סאָציאל־דעמאָקראטיש, צורעס־מאטבּייע, קינ־דעריאָרן־זיכרוינעס, רעדאקטיר־קאָלעגיע [5].

ס'קענען קומען צוויי דעפּיסן אין איין (קאָמפּליצירטן) צונויפזאצ. ביישפּילן:

בּרויט־פּארגרייט־קאמפּאניע (אָדער: בּרויטפּארגרייט־קאמפּאניע).

58. נייע, זעלטענע, ספּעציעל געשאפענע צונויפזאצן שרייבט מען מיט א דעפּיס (קעדיי גרינגער דערקענען); ביישפּ.:

---

1) דאָ האנדלט זיך וועגן פארפעלונג, וואָס ווערט ניט רעגלאמענטירט דורך קיין ספּע־ציעלע קלאָלים (אזעלכע פארפעלונגען פון קלאנגען, ווי אווטאָ אָנשטאָט אווטאָמאָביל, פּארטקאָם אָנשטאָט פּארטיי־קאָמיטעט, זייען אהער ניט שייעך).

2) א וואָרט, וואָס האָט מער ווי איין וואָרצל; דאָס קען זיין אָדער א צונויפזאצ (צ. ב. שטאָטראט) אָדער א וואָרט מיט מער ווי איין וואָרצל און נאָך א סופיקס (לאנג־יאָריק) אא.

3) מע דארף אונטערשיידן „יונגער מאן" (צוויי ווערטער) און „יונגערמאן" (איין וואָרט).

4) אָבער: אלץ מער, אָט וואָס, דאָס מאָל, וואָס דען, וואָס מער, ערגעץ ווו, צוויי מאָל ארגל. שרייבן זיך באזונדער; אויך א זעצ טאָג, אכטונג געבּן, צו גרונט גיין, צוניצ קומען ארגל. שרייבן זיך באזונדער.

5) אָבער: אגמעסנפּעש, אזעספאָנעם, בעסמעדרעש, מאגעמאָסע אאוו. שרייבן זיך צוזאמען—דאָס איז אין יידיש ניט קיין צונויפזאצ.

איינמאָל־מוישע, סאָסנע־גאָלד.

59. צונויפזאצנ, ווו דער ערשטער טייל איז אנ אייגננאָמענ, שרײַבט זיכ מיט א דעפיס: לעניג־ווינקל אא.

60. א צונויפזאצ, ווו ס׳קומט ארײַנ אָדער ס׳וואָלט געקענט זײַנ „אונ״, נאָר ס׳איז פארפעלט „אונ״, שרײַבט זיכ מיט א דעפיס; בײַשפּילנ:

ארומ־אונ־ארומ, האלדז־אונ־נאקנ, טינט־אונ־פּענ, טאטע־מאמע (ד. ה. דער טאטע אונ די מאמע), העל־בלוי אא.

61. א צונויפזאצ פונ צוויי אלצייגע טײלנ שרײַבט זיכ מיט א דעפיס; בײַשפּ.: אָט־אָט, גאָר־גאָר, ווײַט־ווײַט, ווער־ווער, קוימ־קוימ [1]; אזוי אויכ: ווער־ניט־ווער אדג.

62. א צונויפזאצ, ווו ס׳טרעפנ זיכ אפנ גרענעצ פונ דער צונויפ־זעצונג ז מיט ש, שרײַבט זיכ מיט א דעפיס (קעדיי ניט לייענע דעמ ז מיט ש צוזאמענ ווי זש); בײַשפּילנ:

גראָז־שיכט, האלדז־שנור.

63. א צונויפזאצ, ווו דער צווייטער טייל הייבט זיכ אָנ מיט א שטומענ א אונ וואָס בא צוזאמענשרײַבנ וואָלט געווענ שווער צו דערקאָנענ זײַנע טײלנ, שרײַבט זיכ מיט א דעפיס (זע 7); בײַשפּילנ:

באק־אויוונ, האלב־אינדזל, הינטער־אויגיק, ציל־אײַנשטעלונג, קלאסנ־אינהאלט.

64. אנ אברעוויאציע שרײַבט זיכ צוזאמענ, ניט מיט קיינ דעפיס; בײַשפּ.:

מעטאָדארבעט, קולטטוער.

(קולט־טוער וואָלט באטײַט א טוער באמ קולט).

65. א צאָלנאָמענ פונ עטלעכע ווערטער אונ א צונויפגעזעצט וואָרט מיט א צאָלנאָמענ שרײַבנ זיכ אזוי:

1) איינ אונ צוואנציק, צוואנציק איינס, דרײַ טויזנט צוויי הונדערט פופציק;

2) איינ־אונ־צוואנציקסטער, צוואנציק־ערשטער, דרײַ־טויזנט־צוויי־הונדערט־פופציקסטער;

[1] אָבער ווענ דאָס זײַנענ צוויי באזונדערע ווערטער, שרײַבנ זיי זיכ באזונדער, מיט א קאָמע צווישנ (ווײַט, ווײַט, אפ יענער זײַט יאמ...).

3) איינ־און־צוואַנציק־יאָריקער, הונדערט־פופציק־רובלדיקער.

66. צווישן א ציפער און אויסיעס, ווען זיי בילדן צוזאַמען איין וואָרט, שרײַבט מען א דעפּיס. בײַשפּ.:

10־טער, 21־יאָריקער.

67. אין די דאָזיקע פאַלן, וואָס שטייען אפן גרענעץ צווישן באַזונדערע ווערטער און צונויפזאַצן, שרײַבט מען א דעפּיס:

1) מענאַכעם־מענדל, כײַע־סאָרע אדג.
2) געלט־שמעלט, קרוע־בלוע אדג.
3) פּאַרטיי־ און ראַטן־אַנשטאַלט אדג.
4) ער וועט ווערן א ווייס־איכ־וואָס אדג.

68. מע שרײַבט א דעפּיס אין אַזעלכע פאַלן ווי:

בים־באָם, כאַ־כאַ־כאַ, ציפּ־ציפּ, קיס־קיס, קכע־קכע־קכע.

VI. קירצונג און אריבערטראָגונג

69. אָנשטאָט א גאַנצן וואָרט קען מען אַמאָל שרײַבן דאָס ערשטע אָס אָדער די ערשטע אויסיעס מיט א פּינטל; בײַשפּ.:

100 פּראָצ.; אין ה. י. (הײַנטיקן יאָר).

70. בא אייניקע ווערטער באַנוצט מען אן אַנדער אויפן פון קירצונג:

1) כ', ככ' (מיט אן אַפּאָסטראָף) — כאַווער, כאַווײרים.

אַזוי קען מען אונטערשיידן: כ' לעווינ — כאַווער לעווינ, כ. לעווינ— כאַים לעווינ.

2) כ—טע (מיט א טירע) — כאַווערטע אא.
3) דר. — דאָקטער, פרג. — פּאַרגלײַכ אא.

71. אייניקע גרופּעס ווערטער ווערן געקירצט צוזאַמען; דערבײַ שטעלט מען א פּינטל צום סאָף פון דער גאַנצער ווערטערגרופּע; בײַשפּילן:

אדג. (און דאָס גלײַכן), אאוו. (און אַזוי ווײַטער) - אא. (און אַנדערע).

72. נעמען פון מאָסן קירצט מען אַזוי: קילאָגראַם — קג, מעטער — מ, קילאָמעטער — קמ (אָן פּינטלעך).

73. אבּרעוויִאַציעס, וואָס באַשטייען פֿון די נעמען פֿון אויסיעס, שרײַבן זיך אַזוי:

געפּעו, צעקאַ, עס־עס־ער־ער אאַז״וו.

אָדער: ג. פּ. או. [1]) צ. ק. ס. ס. ר. ר. אאַז״וו.

אָדער: גפּאו, צק, ססרר [2])

אבּרעוויִאַציעס, וואָס באַשטייען ניט פֿון קיין נעמען פֿון אויסיעס, שרײַבן זיך ווי פּאָשעטע ווערטער; בײַשפּ.:

וווּז, נעפּ, ציק, הא (ד. ה. העקטאַר).

74. אַריבּערטראָגן אַ וואָרט פֿון איין שורה אויף דער צווייטער מעג מען פֿרײַ, אָבער ניט צערײַסן די אויסיעס וו, יי, ײַ, זש, טש (ס׳הייסט ניט אַריבּערטראָגן אַזוי: בלו־יער, נאָר: בלוי־ער, ניט פּישט־שען, נאָר פּיש־טשען אאַ).

דערמיט איז אָפּגעשאַפֿט די טראַדיציאָנעלע באַגרענעצונג — אַז מע מעג אַריבּערטראָגן נאָר גאַנצע טראַפֿן.

75. פֿאַר אַריבּערטראָג־צייכן דינט אַ דעפֿיס (־).

VII. אויסלייג פֿון אייגננעמען

76. די ווייכקייט פֿון אַ קאָנסאָנאַנט פֿאַר ע ווערט אין אַ אייגננאָמען אָפּטמאָל ניט באַצייכנט; בײַשפּ.:

וואָראָנעזש, סטעפּאַן, פּלעכאַנאָוו.

77. אין אַ אייגננאָמען שרײַבט זיך אַמאָל אַ שטאַרקער קאָנסאָנאַנט לעבן אַ שוואַכן; בײַשפּ.:

וויטעבּסק (ניט: וויטעפּסק), דעמיִעווקע (ניט: דעמיִעפֿקע [3]).

---

[1]) מיט אַ שטומען א, ווײַל „אופּראַוולעניע" וואָלט זיך געשריבן מיט אַ שטומען א, אָבער געפּעו (ניט געפּעאו) — לויטן קלאַל 7.

[2]) זיי לייענען זיך בײַ אַלע דריי שרײַב־אויפֿאַנים אַלציינס: געפּעו. צעקאַ, עסעסערער.

[3]) די קלאָלים 76 און 77 זײַנען אָפּנייגן פֿון די אַלגעמיינע קלאָלים; נאָך אַן אָפּ־נויג פֿון די אַלגעמיינע קלאָלים — שרײַבן אין אַן אייגננאָמען צוויי אַלציינע קאָנסאָנאַנטן, — איז איצט אָפּגעשאַפֿט. מע דאַרף שרײַבן: אַנאַ (ניט אַננאַ), גרים (ניט גריממ), האָל (ניט האָלל), לויד־דזשאָרזש (ניט ללויד־דזאָרזש).

78. רוסישע אא. פאמיליעס מיט דער ענדונג „קי” שרײַבן זיך אפ ייִדיש אויך מיט ־קי; בײַשפּ.:

פּאָקראָווסקי (ניט פּאָקראָווסקע), פּאָקראָווסקיס ווערק, פּאָקראָווסקין.

79. רוסישע פרויען־פאמיליעס מיט א, יא שרײַבן זיך אפ ייִדיש אויך אזוי; בײַשפּ.

קרופּסקאיא, סייפולינא.

80. פון פרעמדשפּראכיקע נעמען, וואָס זײַנען געקומען אין ייִדיש דורך רוסיש, שרײַבט מען אייניקע אין דער אָריגינעלער פאָרמע און אייניקע אין דער אינטערנאציאָנאלער פאָרמע: בײַשפּ.

היינריך הײַנע (ניט גענריך גײנע), העגעל (ניט געגעל).

אָבער פאריזש.

81. מע מעג שרײַבן אזוינע דובלעטן ווי; איטשע—איציע, באָנטשע—באָנציע, בלומע—בליומע, ציליע—צילע, ראָזנבערג—ראָזענבערג, דאָבינ—דאָבינא — דאָבינע, ד. ה. מע מעג שרײַבן אזוי אָדער אנדערש (לויט דעם ווי עס רופט זיך פאקטיש דער אָדער יענער מענטש).

טערמינאָלאָגיע

(די ציפערן וויַיזן באַ וועלכן קלאַל איז דער טערמין אויסגעטיַיטשט אָדער איליוסטרירט מיט בײַשפּילן)

אברעוויִאציע 23
אדיעקטיוו 32
אייגננאָמען 32
אפּאָסטראָף 55
אקצענט 9
בייגונג 32
דעפיס 57
הארטער קאָנסאָנאנט 13
הילפוואָרט 30
וואָקאל 9
וואָרצל 19
ווייכער קאָנסאָנאנט 13
ווערב 30
ווערבאלער צוגאָב 30
טראָפ 9
יאָט 9
מערצאָל 27
סופיקס 19
ענדונג 27
פּראָנאָם 53
פּרעפּאָזיציע 49
פּרעפיקס 19
צונויפגעזעצט וואָרט 56
צונויפזאַץ 7
קאָנסאָנאנט 9
שוואכער קאָנסאָנאנט 19
שטארקער קאָנסאָנאנט 19
שטומער א 6.

אָפּגעגעבן אין זאצ—32—18/VII אונטערגעשריבן צום דרוק — 32—4/XII.
פּאפּיר 110×72—50 קג אין דרוק-בויגן 65 000 צייכנס.